# נח פּרילוצקי

## צום וויכּוח וועגן די העברעיִזמען

אין נומער 3 (16) פֿונעם קיִעווער זשורנאַל ״די ייִדישע שפּראַך״ (מײַ-יוני 1929) האָט ב. סלוצקי אָפּגעדרוקט אַ סך-אַכּל-אַרטיקל: ״די אַרבעט פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע בײַ דער קאַטעדרע פֿאַר ייִדישער קולטור (קיִעוו) אויף דער שפּראַך פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער פּרעסע,״ איז דאָרט געווען אַ קאַפּיטל: ״דעהעברעיִזאַציע.״

די געדאַכטע פֿילאָלאָגישע סעקציע האָט ״באַאַרבעט... אַן ערך 120 נומערן״ (צו מײַסטן פֿון ״אמת״, ווייניקער פֿון ״שטערן״ און ״אָקטיאַבער״ -- אַלע פֿאַר אַ פּאָר חדשים פֿון יאָר 1928), און אויפֿן סמך פֿון דעם דאָזיקן אײַנזײַטיקן מאַטעריאַל איז מען אײנס און צוויי געקומען צום סענסאַציאָנעלן אויספֿיר:

-- זײער אַ וויכטיקער פּראָצעס קומט פֿאָר אין דער סאָוועטישער ייִדישער פּרעסע מיט די העברעיִשע עלעמענטן. דאָס איז די דעהעברעיִזאַציע -- די פֿאַרמינערונג פֿונעם אַלטן העברעיִשן שפּראַכפֿאַרמאָג אין דער שפּראַך. סך-אַכּל האָט מען פֿון די 120 נומערן געקענט אָפּשרײַבן 640 קאַרטלעך מיט העברעיִשע ווערטער און אויסדריקן. געגוג דאָס צו פֿאַרגלײַכן מיט די 5000 העברעיִשע ווערטער און אויסדריקן אין יהואש-ספּיוואַקס ווערטערבוך, אַז ס׳זאָל קלאָר ווערן, וואָס פֿאַר אַן ענדערונג די רעוואָלוציע האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער ייִדישער שפּראַך: צוזאַמען מיטן אָפּשטאַרבן פֿון אַלטע לעבן-שטייגער (אין גרעסטן טייל -- אַ פֿאַרמיטלעריש-הענדלערישער מיט אַ רעליגיִעז-גײַסטיקער אידעאָלאָגיע) שטאַרבן אויך אָפּ די העברעיִשע ווערטער, וואָס האָבן געדינט דעם דאָזיקן שטייגער. דאָס ייִדישע וואָרט קאָנקורירט מיטן העברעיִשן [די לעצטע 6 ווערטער שפּאַצירט אינעם אָריגינאַל].

ס׳איז געווען אין פֿולן זין פֿון וואָרט אַ דילעטאַנטיש שטיקל אַרבעט, הגם פֿאַרעפֿנטלעכט אין אָרגאַן פֿון אַ קאַטעדרע בײַ אַ וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע.

ס׳איז דאָך זעלבפֿאַרשטענדלעך, אַז כּדי צו קענען רעדן אין אַזאַ פֿאַל וועגן פֿאַרמינערונג, איז אומבאַדינגט נייטיק געווען אַן אָביעקטיווער אָנשפּאַר, וועלכן עס קען געבן בלויז אַ פֿאַרגלייַך.

אויפֿצייַלנדיק די העברעיִזמען אין 120 בלעטער "אמת", "שטערן" און "אָקטיאַבער" פֿאַר יאָר 1928, האָט מען דאָס אייגענע געדאַרפֿט טון לגבי 120 נומערן פֿון די זעלביקע טאָגבלעטער פֿאַר יאָר 1919, צי 1920, צי 1921 וכדומה, -- דעמאָלט ערשט וואָלט געווען אַ מעגלעכקייט צו שאַפֿן זיך אַ קלאָר בילד וועגן דעם, צי גייט ווירקלעך אונטער דער דערמאָנטער עלעמענט אינעם לשון פֿון דער ראַטנפֿאַרבאַנדישער ייִדישער זשורנאַליסטיק.

די סיבה, ווידער, פֿונעם פֿאַלן (צי שטייַגן) וואָלט מען געקענט דערגיין נישט פֿריִער, ווי ס׳וואָלט דורכגעפֿירט געוואָרן אַן ענלעכע אויספֿאָרשונג אין דער אַנדערלענדישער ייִדישער פּרעסע -- אויף 120 נומערן פֿון אַ וואַרשעווער צי נייַיאָרקער צייַטונג: 1 מאָל פֿאַר 1919, צי 1920, צי 1921 וכדומה און1 מאָל פֿאַר 1928.

די הערן פֿון דער קיִעווער פֿילאָלאָגישער סעקציע האָבן זיך אַן עצה געגעבן אויף אַ גרינגערן -- העכסט הומאָריסטישן -- אופֿן. געזאָגט זיך: קוים האָבן מיר אין 120 נומערן פֿון אונדזערע פּאָליטישע טאָגבלעטער געפֿונען בלויז 640 העברעיִשע וואָקאַבלען און ווענדונגען און נישט אַלע 5 טויזנט עטלעכע הונדערט, וואָס זענען רעגיסטרירט אין יהואש-ספּיוואַקס ווערטערבוך, הייסט עס, אַז די שפּראַך פֿון אונדזערע פּרעסע דעהעברעיִזירט זיך, -- אַ פּועל-יוצא פֿון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע...

אויך אַ "מעטאָד"...

אַליין פֿאַר זיך זענען אָבער 640 העברעיִשע ווערטער און אויסדריקן, אין יאָר 1928 -- אין דער שפּראַך נישט פֿון בעלעטריסטיק, נאָר פֿון קאָמוניסטישער זשורנאַליסטיק, -- געווען אַ גאָר ממשותדיקער באַשטאַנדטייל.

נאָך מיין: מיר דאָ, לייענענדיק פֿון צייַט צו צייַט די ייִדישע בלעטער פֿון יענער זייַט גרענעץ, האָבן געהאַט דעם פֿעסטן אייַנדרוק, אַז אין זייער זשורנאַליסטישן לשון -- דערהויפּט אין דער פּובליציסטיק --

באַנוצט מען העברעיִשע עלעמענטן נישט בלויז נישט ווינציקער, ווי אין אונדזער פּרעסע (דער וואַרשעווער, דער ווילנער), נאָר אַמאָל אפֿשר אויך מער. אונדז האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, אַז אפֿשר איז דער נאַטוראַליזירטער אויסלייג דער סטימול: קוים איז אָפּגעפֿאַלן די מורא, אַז דער פֿאָלקסמענטש וועט נישט פֿאַרשטיין דאָס אָדער יענץ וואָרט איבערן ספּעציפֿישן גראַפֿישן לבֿוש, איז מען געוואָרן פֿרײַער און דרייסטער אינעם געברויך פֿון די העברעיִזמען.

וואָס דאַרף מען מער -- אויך אין לוצקיס רעזיומע-אַרטיקל, פֿון וועלכן ס'איז געווען אויבן די רייד, באַגעגנען מיר אַ שפּאָר ביסל העברעיִשע ווערטער, אַזעלכע ווי:

-- אגבֿ, אַ סך, ביטול, בכּלל, בחן, בעל-מלאכה, כּדי, כּלל, סימנים, פּרט, צרות, ראָשי-תּיבֿותן...

זיי זענען דווקא נישט פֿאַרביטן געוואָרן אויף: -- בײַ געלעגנהייט. פֿיל. גרינגשעצונג. אין אַלגעמיין. אַלזאָ. האַנטווערקער. אום. רגל. צייכענס. דעטאַל. ליידן. איניציאַלן (צי אַבּרעוויאַטורן).

ווײַטער. סלוצקי אַליין האָט אינפֿאָרמירט, אַז אויף די 640 קאַרטלעך האָבן פֿאַרנומען ״דאָס גרעסטע אָרט ווערטער פֿאַר גײַסטיקע, דערהויפּט פֿאַר רעליגיעזע [שפּאַצירט אין אָריגינאַל] זאַכן און באַגריפֿן, ווי ווײַט דער סאָוועטישער ייִדישער פּרעסע קומט זיי אויס צו נוצן אין ספּעציִעלע פֿאַלן (צו באַקעמפֿן דעם אַלטן לעבנס-שטייגער, דעם קלעריקאַליזם)״:

-- עבֿירה, עולם-הבא, עין הרע, אָרון-קודש ברוך-השם, גבאי, גן-עדן, טלית, תּפֿילין, ייִראת-שמים, חבֿרה-קדישה, חסידים, מצה, מופֿת, סידור, קמיע, כּשרות, רבֿ, שחיטה...

אָבער סוף-כּל-סוף איז דאָך נישט וויכטיק, אין וואָסערע פֿאַלן די ייִדישע זשורנאַליסטיק אין ראַטן-פֿאַרבאַנד האָט זיך אין יאָר 1928 באַדינט מיט די אָקערשט אויסגעשריבענע ווערטער: גענוג איז, אַז זיי זענען באַנוצט געוואָרן.

חוצטהאַלבן: שוין-זשע ווערן אַזעלכע אויסדריקן ווי עבֿירה, ברוך-השם, גבאי, כּשרות וכדומה, געברויכט נאָר דעמאָלט, ווען מע דאַרף

״באַקעמפֿן דעם אַלטן לעבנס-שטייגער, דעם קלעריקאַליזם״? (רעדט מען נישט בײַ אונדז אַמאָל, למשל, פֿון ״ענדעקישן כשרות״, פֿון ״ראַסיסטישן כּשרות״ וכדומה?)

ענדלעך, האָט מען אויף די קאַרטלעך געזען פֿיל ״ווערטער און אויסדריקן פֿון דעם מין, וואָס נוצט געווייִנטלעך, אָדער די סאָוועטישע ייִדישע פּרעסע נוצט ספּעציעל, פֿאַר עמאָציאָנעל-עקספּרעסיווע צוועקן -- פֿאַר איראָניע, ביטול, פֿאַראַכטונג, אויפֿגעבראָכטקאַ1יט ו.אַ.וו.״:

-- אישה, בעל-דבֿר, בטלנות, גלות, גדולה, גזירה, התפּעלות, זכות-אבֿות, זכר, יוצר, משרתים, חבֿרות, כּלל-ישׂראל, כּנפֿיא, מוסר השׂכּל, מי-שברך, מכּל המינים, סגולה, רודף, שלום, שמן-זית, תּחינה...

אויב אַזוינע וואָקאַבלען זענען נאָר פֿאַרווענדט געוואָרן מיט ברייטער האַנט, איז זיכער צו פֿרי געווען צו רעדן וועגן ״אָפּשטאַרבן״ פֿון וואָסערע נישט איז העברעיִשע עלעמענטן אין דער ייִדישער שפּראַך.

נאָר די אײַנשטעלונג פֿון די קיִעווער פֿילאָלאָגישער סעקציע איז געווען זייער ווײַט פֿון וויסנשאַפֿטלעכקייט און שטאַרק נאָנט צו פּאָליטיק. אַן איבערגאַנג אַזעלכער האָט זיך דעמאָלט געהאַט אַרײַנגעכאַפּט אין דאָס ראַטנפֿאַרבאַנדישע ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקייט, און אַ בויך-סבֿרה מכּוחן גורל פֿון די העברעיִזמען האָט דאָרט געקענט גילטן פֿאַר אַן אָביעקטיוון וויסנשאַפֿטלעכן פֿאַקט, אויב נאָר זי האָט צוגעטראָפֿן דער מאָדישער שטימונג.

באַלד נאָך סלוצקיס באַריכט-אַרטיקל האָט דער פֿירער פֿון דער קיִעווער פֿילאָלאָגישער סעקציע -- נ. שטיף -- צוגעשטעלט אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג און אַן אידעיִשע אַפּאָלאָגיע פֿאַר דער ״פֿאַרמינערונג פֿונעם אַלטן העברעיִשן שפּראַכפֿאַרמאָג אין דער שפּראַך,״ און דערבײַ שוין גערעדט נישט וועגן לשון פֿון ייִדישער פּרעסע פֿאַר אַ געוויסן פּעריאָד, נאָר וועגן ייִדיש אין ראַטן-פֿאַרבאַנד בכּלל. ער האָט דאָס געטון אין אַ רעפֿעראַט, סעפּטעמבער 1929, אין אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור בײַ דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע, און די ״סכעמע״ דערפֿון אָפּגעדרוקט

אין זשורנאַל ״די ייִדישע שפּראַך״ נומער 4-5 (17-18) פֿאַר יולי-אָקטאָבער 1929 (שפּאַלטן 1-22). אויף די שפּאַלטן 21 און 22 גיט דער מחבר דעם ״סך-אַכּל״ פֿון דער אָפּהאַנדלונג -- אין 4 פּונקטן. פֿאַר אונדזער טעמע איז באַזונדערס אינטערעסאַנט דער לעצטער פֿון זיי:

-- דער היפּשער העברעיִשער אינווענטאַר אין ייִדיש האָט זיך געקענט האַלטן נאָר בײַ דער שוואַכער עקאָנאָמישער און קולטורעלער דיפֿערענצירטקייט אין פֿאָלק, בײַ דעם איבערוואָג פֿון די מיטל- און קלײנבירגערלעכע הענדלעריש-פֿאַרמיטלערישע שיכטן. מיטן אויפֿקום פֿונעם ייִדישן אַרבעטער-קלאַס און פֿון דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג פֿאַרלירט דער העברעיִשער אינווענטאַר מער און מער אין סטאָל און אין וואָג אין דער שפּראַך, אַזוי ווי די פֿאַרעלטערטע און אָפּגעלעבטע אין דער פֿאָלקסשפּראַך בכלל (דערהויפּט פּראַסעאָלאָגיע, שאַבלאָן-אויסדריקן) וואָס שטימען נישט מער מיט דעם לעבן אין שטרײַט פֿונעם אַרבעטער-קלאַס. דער אַרבעטער-קלאַס שאַפֿט זײַן שפּראַך מיט דער הילף פֿון אינטערנאַציאָנאַליזמען און פֿון די אייגענע שפּראַכרעסורסן אין דער פֿאָלקסשפּראַך (נײַבילדונגען). צום קלאָרסטן קומט דער דאָזיקער פּראָצעס צום אויסדריק אין דער סאָוועטישער ייִדישער שפּראַך.

כ׳בעט צו נעמען אין אַכט: דער אין אַזאַ קאַטעגאָרישן טאָן געמאַכטער אויספֿיר איז געווען אין אַ גרויסער מאָס אַפּריִאָריש, נישט געשטיצט -- נישט מיט קיין אַנאַליז פֿון דער שפּראַך אין דער ראַטנפֿאַרבאַנדישער ייִדישער בעלעטריסטיק, נישט מיט קיין אַנקעטע צווישן די ייִדיש-רעדנדיקע מאַסן.

און וואָסער קאָנטראַסט מיטן נאָר וואָס ציטירטן לעצטן פֿראַגמענט פֿון שטיפֿס ״סכעמע״ איז דער גאַנצער טעקסט אירער, וואָס איז גראָד זייער ווײַט פֿון בויקאָטירן די העברעיִזמען, -- פֿאַרקערט, אויף שריט און טריט שטויסן מיר זיך דאָרט אָן אויף אַזעלכע ווערטער, ווי:

אָבֿל, אבֿרים, אַוודאי, אַלף-בית, אמונה, אמת, אַ סך, אפֿילו, באמת, בכּלל, בעל-מלאכה, בעצם, בפֿרט, בקיצור, ברוגז, גאווה, גבֿיר, גוף, גופֿא, דינים, המון, השׂכּלה, התפּעלות, חודש, חוץ, חושים, חיות,

חסידות, חקירה-ספֿרים, חשיבֿות, ייִחוס, יוצא זייַן, יושר, כּדי, כּישוף, כּמעט, לשון, מורא, מום, מוסר-ספֿרים, מיאוס, מידות, מנהגים, מסתּמא, מעלות, מצווה, מצוות, משיחות, ניכּר, ניכנע, נקודות, ספֿר, סתּם, עונש, עניוות, פּדיון, פּרנסה, צדיקים, קהל, קהליש, קללות, רבניש, שותּפֿותדיק, שׂכר, תּפֿילות...

כ׳האָב דאָ געבראַכט בלויז אַ קליינעם טייל פֿונעם אַסאָרטימענט, מיט וועלכן שטיף האָט זיך באַנוצט אין דער אַרבעט, וואָס איר הויפּטגעדאַנק איז געווען, אַז די העברעיִזמען אין ראַטנפֿאַרבאַנדישן ייִדיש שטאַרבט אויס, אַז דער פּראָצעס דער דאָזיקער איז אַ באַרעכטיקער און דעריבער אַן אומפֿאַרמייַדלעכער און געזונטער, און אַז קיין שאָדן ברענגט ער נישט, וואָרן פֿאַראַן אַנדערע ייִדישע (אַשקנזיש-שטאַמיקע) עקוויוואַלענטן, איז טאַקע געווען אַ קשיא: פֿאַר וואָס האָט זיך דער דערמאַנטער שרייַבער אַליין נישט צוגעפּאַסט צו די טעזיסן פֿון זייַן אייגענעם אַרטיקל? פֿאַר וואָס איז ער זיך נישט באַגאַנגען מיט גלידער, רעליגיע, וואָרהייט, פֿיל, זאָגאַר,ווירקלעך, אין אַלגעמיין, האַנטווערקער, ו.אַ.וו. אָנשטאָט ווייַטער צו אָפּערירן מיט די ״אַלטפֿרענקישע״, ״אָפּגעלעבטע״ אבֿרים, אמונה, אמת, אַ סך, אפֿילו, באמת, בכּלל, בעל-מלאכה ו.אַ.וו?

אין דרייַ יאָר אַרום -- אין דער עפּאָכע פֿון אָבליגאַטאָרישער ״זעלבסטקריטיק״ -- האָט שטיף זיך נאָך געהאַלטן שטאָל-און-אייַזן בייַ די אויבן ציטירטע ״אמתן״. פֿון דעסט וועגן האָט ער אין דער ריידע זייַנער אופֿן ״רעוויזיע-פּלענום פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע״ באַנוצט 57 העברעיִזמען (זע: ״אופֿן שפּראַכפֿראָנט,״ נומער 4, קיִעוו, יולי-אַוגוסט 1932) -- אַזעלכע ווי:

אגבֿ, בכּיוונדיק, בערך, דווקא, דורותדיק, דרך-ארץ, הרגענען, חילוק, חקירות, טעות, טענה, ירושה, שפּיגל-כּתבֿ, מגושמדיק, מין, ממילא, מסכּים, סבֿיבֿה, סוף, ספֿקות, פּיקכות, קבלה-צעטל, שורות [און דעסגלייַכן].

ש. דאָבין (אינעם זעלביקן נומער ״אופֿן שפּראַכפֿראָנט״ האָט אין אַ צוויי מאָל קירצערער על-חטא-רעדע אויך געברויכט 56 העברעיִשע ווערטער:

-- אופֿן, אַחריות, בולטוסטע, בנוגע, בשום-אופֿן, בעת, הנחה, פֿאַרהנחות, הרכּבֿה, חזן, איבערחזרט, חסרונות, יסוד, כּלומרשט, כּלל,וּכּלל אַפּֿצולהכעיס, לחלוטין, לימוד, לכתּחילה, מהות, מודה [זײַן זיך], מיאש [זײַן זיך], ממש, עולם, אַלפּי שׂכל, עצם-מהות, שׂטן, שײַכות, ו.אַ.וו.

מער וואָלט אפֿילו אונדזער איינער נישט פֿאַרווענדט!

דער חרם האָט אין ראַטן-פֿאַרבאַנד גופֿא לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דער צענטראַל-אָרגאַן פֿונעם אָפֿיציעלן ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכקייט אין יענער מדינה הייסט עד-היום: "אמת" (נאַטוראַליזאַציע פֿון אויסלייג אַנדערשט דאָך נישט דעם אָפּשטאַם פֿונעם וואָרט!). דער נאָמען איז נישט געביטן געוואָרן אויף: "וואָרהייט"...

*

כ'האָב דאָ אויפֿגעמישט אַ פֿאַרגעלט בלעטל פֿונעם אָווער, מחמת עס לאָזן זיך מערקן סימנים, אַז דער אומגאַנג כאַפּט זיך לעצטנס -- מיט אַ ממשותדיקער פֿאַרשפּעטיקונג -- אַרײַן אויך אין אונדזערע ד'-אַמות.

ס'איז געווען אָנצורופֿן דאָס אַרטיקל פֿון דוד רויכל: "סתּם למדנות אָדער אַ בפֿירושע טענדענץ" (3 העברעיִשע ווערטער אויף 6 פֿון דער קאָפּ-שורה!) -- מיט דער אונטערקעפּל: "וועגן דער העברעיִזירונג פֿון ייִדיש" -- אין נומער 8 "ליטעראַרישע בלעטער" פֿון 18טן פֿעברואַר 1938.

דער מחבר פֿונעם מאמר האָט קענטיק געלייענט שטיפּס "סכעמע" און ענלעכע כּתבֿים און נעמט זיך לײַדנשאַפֿטלעך אָן די עוולה 'פֿון פֿרויען און פֿון דער הײַנטיקער יוגנט, וואָס האָט פֿון דעם גאַנצן לעקסיקאָן קיין ברעקל אַנונג נישט," און אין זײַן אייגענעם אַרטיקל איז ער זיך מאַטער צו באַנוצן:

-- אמת. אפֿשר. אָץ-קוצץ-לשון. בת-מדרש. בעלי-דעה. בפֿירוש. גבאָים-שטיבל. גבאָישע. גבֿיריש. גוף. השׂכּלה-צײַט. חדר. חולה זײַן. חידוש. חן. יוצא-מין-הכּלל. יחידים. ישיבֿה. כּלי-קדוש. כּלי-קדושדיק. כּלים. למדנות. למדניש. לשון. מה-רעש? מחמת. ממילא,

ממש. מפֿונקים. נגידיש. נשמה. נשמה-יתירה. סוחריש. סוף. סמך. ספֿרים. סתּם. עבֿרי. עיקר. ענין. עם-הארצים. פּטור ווערן. פּסוקים. פּרנסי-חודש. קהל. רבנישע. שיטה. שמועסט. שׂכל. תּקיפֿיש.

ער האַלט, אפֿנים, אַז די אויסדריקן -- דערהויפּט די פֿון מיר שפּאַצירטע (ווי ״אָץ-קוצץ-לשון,״ ״יוצא-מין-הכלל״ וכדומה) -- זענען ״די פֿרויען און דער הײַנטיקער יוגענט״ אַלע ביז איינעם יאָ פֿאַרשטענדלעך.

נאָר נישט דאָס בין איך אויסן. דער עיקר איז דאָך דער פּרינציפּ -- און פּרינציפּיעל פֿאַלש איז יעדע פֿאָדערונג (און יעדער פּרווו) אַרויסצוואַרפֿן פֿון דער ייִדישער שפּראַך די העברעיִזמען, וואָס לעבן אין איר מקדמונים,

וואָס עלטער אַ העברעיִשער אויסדרוק איז אין ייִדיש, אַלץ גרעסערער מיוחדת איז ער, -- אויב נאָר נישסט אַרויס פֿון באַנוץ. אויך פֿאַרגעסענע העברעיִזמען מעג מען צוריק אײַנפֿירן -- פֿאַרשטייט זיך, פֿאָרזיכטיק און מיט ייִשובֿ (אָפּגעהיטנקייט און איבערלייגונג זענען, איבריקנס, תּמיד אַ חיות -- אויך בײַם אַקטואַליזירן אַנדערע אַרכאַיִזמען, פּונקט ווי בײַם אַרײַננעמען אינטערנאַציאָנאַליזמען אָדער לעגאַליזירן נעאָלאָגיזמען).

מע קען דעריבער נאָר שטוינען, ווען אַ מענטש, וואָס האַלט אין זײַן אַרטיקל פֿאַר דערלאָזלעך יחידים, מפֿונקים, נשמה-יתירה וכדומה, מעכטיקט זיך צו פּסלען אַזוינע גוטע ייִדישע ווענדונגען, ווי:

-- נישט דערשאַצט דעם קיום ... מײַנע נסיות מעבֿר-לים ... אָן אַ שיעור גרויס ... בשותּפֿותדיקע עינוים ...

אַם ווינציקסטן איבערצײַגעוודיק איז, ווען די חסידים פֿון ״דעהעברעיִזאַציע״ טרעטן אויף ווי פֿאַרזאָרגער ״פֿון פֿרויען און פֿון דער הײַנטיקער יוגנט.״

וועגן וועלכע פֿרויען רעדן זיי? דער מענטש פֿון פֿאָלק איז שטאַרק היימיש מיט די העברעיִשע עלעמענטן פֿון דער ייִדישער שפּראַך, -- די פֿרוי, ווי דער מאַנצביל. איך רעד נישט פֿון הוילן פֿאַס: דאָס וואָס איך זאָג דאָ, איז רעזולטאַט פֿון פּערזענלעכן לאַנגיעריקן און ברייטן

קאָנטאַקט מיט די פֿאָלקסמאַסן. נישט בײַ ליפֿשיצן, נישט בײַ האַרקאַווין געפֿינט איר נישט: בחינם בלא דבֿר, ביז עד הנה, ברי לי וכדומה אַזעלכע ווענדונגען, און בײַ די ייִדן פֿון גקב [= געוועזן קאָנגרעספּוילן] זענען דאָס טיף פֿאַרוואָרצלטע ווערטער -- מע קען זיי הערן אויף שריט און טריט אין דער פֿאָלקסשפּראַך, און באַזונדערס טאַקע אין מויל פֿון דער פֿרוי. האַרקאַווי בוכט יהדות מיט דער טײַטש: "יודאַיִזם"; וואָסער ייִדענע אין לאַנד פֿון דער ווײַסל נוצט אָבער נישט מינדסטנס איין מאָל אין טאָג דאָס הויפּטוואָרט (אַרויסגערעדט: יאַאַנעס, יאַאַנדעס) מיט דער טײַטש "געוויסן"? "אין לי" איז אַ יורידישער טערמין, נאָטירט אויך בײַ האַרקאַווי, און וואָס האָט די פּויליש ייִדישע פֿאָלקסמאַסע אַלץ נישט געמאַכט פֿון דעם דאָזיקן אויסדרוק! מאַחורי-הפּרגוד, בעירים-ובֿחוסר-כּל און ענלעכע, בײַ האַרקאַווי רעגיסטרירטע וואָרט-פֿאַרבינדונגען געהערן צום פֿאָלקסטימלעכסטן לעקסיקאָן. מע וואָלט געקענט אָנהויפֿענען אַ באַרג נאָך מיט בײַשפּילן, נאָר נישט דאָ איז דאָס אָרט דערפֿאַר.

פֿון דעסטוועגן מאָל איך מיר לײַכט, אַז אַ לייענער פֿון פֿאָלק קען אַ וואָסער נישט איז העברעיִזם אין דער צײַטונג צי אין בוך נישט פֿאַרשטיין. וואָס-זשע איז דאָס אומגליק? וועט ער זיך דעם פּשוט אָנשטויסן פֿונעם קאָנטעקסט אָדער איבערפֿרעגן בײַ עמעצן!

וואָס שייך, ווידער, דער "הײַנטיקער יוגנט," איז איינס פֿון די ביידע: אָדער זי קען נישט קיין ייִדיש, וועט זי בײַם לערנען זיך דאָס לשון מוזן באַנעמען אויך די העברעיִשע באַשטאַנדטיילן זײַנע; אָדער די שפּראַך איז איר נישט פֿרעמד, איז נישט שכיִעד, אויך די פּאָפּולערע העברעיִזמען זאָלן איר נישט זײַן באַקאַנט (מיט די זעלטענערע איז אָבעראַמאָל דאָס אייגענע: מע מוז זיך צולערנען).

אגבֿ, קומט מיר עפּעס פֿאָר, אַז דער ווידערווילן צו די העברעיִזמען איז בײַ אַ טייל פּענלײַט אונדזערע אין אַ געוויסער מאָס אַ מין קאָמפּלעקס, וואָס דעם שורש זײַנעם דאַרף מען זוכן אינעם אומצופֿרידנקייט מיטן נישט-נאַטוראַליזירטן אויסלייג -- מיט דער דאָזיקער בײַם לייענען ייִדיש ווירקלעך ווזענטלעכער באַשווערונג פֿאַר פּערזאָנען, מיט העברעיִש ווינציק אָדער גאָר נישט באַקאַנטע. אָבער אַז מע איז ברוגז מיטן חזן, שפּרינגט מען נישט קיין קדושה?

*

אַ קערנדל ריכטיקייט איז פֿאַראַן אין רויכלס אופֿן באַנעמען דעם ענין, נאָר ער האָט עס אַליין נישט באַמערקט און ממילא נישט אַנטוויקלט געהעריק, הגם ס'וואָלט געדאַרפֿט זײַן די אַקס פֿון זײַן אַרטיקל. און דהינו האַנדלט זיך דאָ אין דעם פּאָסטולאַט אָט, בײַם באַגיין זיך מיט דער שפּראַך זאָל מען וויסן, "ווּ אײַן און ווּ אויס", - - אַ פֿאָרדערונג, וואָס איז, אייגנטלעך, באַרעכטיקט לגבי אַנדערע עלעמענטן פֿון דער לעקסיק אויך (לגבי די אינטערנאַציאָנאַליזמען נישט מינער ווי לגבי די ייִדישע אַרכאַיִזמען ; לגבי די סלאַוויזמען נאָר מער, ווי לגבי די העברעיִזמען).

אין תּוך איז עס אַ פּראָבלעם פֿון סטיל, און בײַ סטיל איז נישט שייך צו פֿאַרלאָזן זיך בלויז אויף פֿרעמדע אָנווײַזונגען : מע דאַרף אַליין פֿאַרמאָגן אַביסל חוש, זיסט איז קראַנטער צו לאָזן די פּען צו רו.

אין אַ ליריש ליד מיט אינטימען טאָן וואָלטן אַרן ווערטער, ווי עלעקטריזאַציע צי פּויפּעריזאַציע (מכּל-שכּן ווען מע זאָל זיי אַרײַנהאַקן אין אַ צו גרויסער צאָל און גראַמען צווישן אַנאַנדער). -- סלאַוויסמען וועלן ס'רובֿ קאָמיש אַרויסשטאַרצן אין אַ נאָוועלע פֿון פֿראַצייזישן לעבן (דערהויפּט אין דיִאַלאָג). -- ספּעציפֿישע ייִדישע חומש-ווערטער פּאַסן נישט אין אַ צײַטונגס-נאָטיץ וועגן אַ גאַסן-געשלעג צווישן שיכּורע כוליגאַנעס. -- יענע העברעיִזמען, וואָס זענען אָנגעמאָסטן פֿאַר דער "גילדענער קייט", לאָמיר אָנכאַפּן, מוזן קלינגען הומאָריסטיש, ווען מע שפּאַרט זיי אַרײַן אין האָמערס "אָדיסייע".

מע דאַרף זיך אָפּגעבן אַ חשבון אין דעם, אַז אויך די העברעיִשע עלעמענטן פֿון דער ייִדישער שפּראַך זענען נישט אײנהייטלעך וואָס שייך די פֿאָרשטעלונגען, וואָס ווערן אַרויס גערופֿן דורך זייער אינהאַלט.

ווערטער ווי אמת, בזיון, חן, נקמה, שׂנאה און דעסגלײַכן, אונטערשיידן זיך סעמאַנטיש לחלוטין נישט פֿון די וואָקאַבלען פֿאַר די זעלביקע באַגריפֿן אין אַנדערע לשונות. אמת, פּראַוודאַ, וואַרהײַט, וועריטע, טרוטה ו.אַ.וו. זענען גלײַכטײַטשיק אין דער אייגענער מאָס, ווי עס זענען גלײַכווערטיק מטבעות פֿון איין און דעם

זעלביקן מעטאַל און פֿון איין און דער זעלביקער וואָג, נאָר בלויז מיט פֿאַרשידענע נעמען. איז זעלבפֿאַרשטענדלעך, אַז פֿאַר דער דאָזיקער קאַטעגאָריע העברעיִזמען זענען אָפֿן טירן און טויערן אין יִדישע איבערזעצונגען פֿון יעטווידער שפּראַך.

אָבער אויסדריקן ווי הבֿדלה (= ליכט), יין-המשמור, נטילת-ידים, קרבן-תּורה וכדומה, זענען כאַראַקטעריסטיש מיט דער פֿאַרענגערטער, ווייַל ספּעציפֿיצירטער טייַטש, היות באַגריפֿלעך פֿאַרבונדן מיט אַ באַשטימטן רעליגיעזן קולט. הבֿדלה איז נישט סתּם אַ ליכט, ווי דאָס פּוילישע 'סויִעצאַ', דייַטשישע 'קערזע', פֿראַנצייזישע 'באָוגיִע', נאָר אַ ליכט פֿאַר אַ ספּעציעלער ריטועלער צערעמאָניע, פֿאַר "הבֿדלה-מאַכן". יין-המשמור איז נישט גלאַט יעדער אויסגעהאַלטענער וויַין, נאָר דער וויַין, וואָס ווערט געהיט פֿאַר די צדיקים און וועט זיי געגעבן ווערן, ווען משיח וועט קומען.
אַזעלכע אויסדריקן, טערמינען פֿון יִדישן ריטוס, אַרייַנרוקן אין אַ קלאַסישן גריכישן עפּאָס, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט געצדינערישן פּאַטאָס, -- "יין-נסך" רופֿן מיטן נאָמען "יין-משמור" און דעסגלייַכן -- איז באמת נישט קיין גליקלעכער אייַנפֿאַל. אָבער ווער איז עס שולדיק צו ענטפֿערן פֿאַר איינעם, ווען עס פֿעלט סטיליסטישער טאַקט, ד"ה אַ געלענק צו שרייַבן דרוקפֿעיִק?

נאָך אַ באַמערקונג, וואָס האָט אַ פּרינציפּיעלן און צוגלייַך מעטאָדאָלאָגישן כאַראַקטער, דערפֿון, וואָס די ראַטנפֿאַרבאַנדישע יִדישע צייַטונגען האָבן אין יאָר 1928 גענוצט : -- פּייַניקונגען. אויספֿירלעך. באַזונדערס. באַריכט. ווינונג. ווירקונג. באַלד. צום בייַשפּיל. אויפֿשטענדלער. וואַכטע. שטערונגען. נייגונג. געהאַלט. לוין. פֿאַרדינסט. אורטייל. פֿריִער פֿאַר אַלץ. היטער. וועכטער ...,

אָנשטאָט (צי לעבן? -- דאָס איז פֿונעם ציטירטן אַרטיקל נישט קלאָר) :

עינוים, בפֿרטיוס, בפֿרט, דין-וחשבון, דירה, השפּעה, תּיכּף, למשל, מורדים, משמוראַ, מניִעות, נטיִה, שׂכירות, פּרנסה, פּסק-דין, קודם-לכּל, שומר ...,

האָט סלוצקי געוואָלט דרינגען, אַז "דאָס יִדישע וואָרט קאָנקורירט מיטן העברעיִשן," און דאָס לעצטע "שטאַרבט אָפּ."

מענטשן מיט זכּרון געדענקען אָבער מסתּמא, אַז נאָך פֿאַר דער וועלט-מלחמה האָבן ייִדישע טאָגבלעטער (אין וואַרשע, למשל) געברויכט: אויספּירלעך, באַזונדערס, באַריכט, וווינונג און כּדומה לעבן בפּרטיות, בפּרט, דין-וחשבון, דירה ו.אַ.וו., און אַז ס׳האָט דערבײַ עקזיסטירט אַ געוויסן דיפֿערענציאַציע: אַ באַריכט האָט מען געשריבן פֿון אַ פּראָצעס אין געריכט, פֿון אַ זיצונג, פֿאַרזאַמלונג, קאָנפֿערענץ, אָבער ווען אַ מענטש האָט מען געזאָגט, אַז ער גיט זיך אָפּ ״אַ דין-וחשבון פֿון זײַנע מעשׂים״; מיט אַ פּסק-דין האָט זיך געענדיקט אַ דין-תּורה אָדער אַ געריכט פֿון באָרערעם, אָבער דאָס קרוינגעריכט פֿלעגט אַרויסגעבן אַן אורטייל ...

דערצו דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז באַזונדערס, וווינונג, באַלד, לוין, פֿאַרדינסט, פּריִער פֿאַר אַלץ, היטער וכדומה זענען אין דער גערעכטער שפּראַך אַלטע תּושבֿים (לכל-הפּחות אין מיטל-ייִדיש), לעבעדיק בשלום מיט בפּרט, דירה, תּיכּף, סחירות, פּרנסה, קודם-לכּל, שומר ... נאָר ״פּרנסה״ איז נישט תּמיד סינאָנימיש מיט ״פֿאַרדינסט״, עפּטערס איז עס ברייטער (אין וואַרשע ״פֿאַרדינט מען אויף פּרנסה״, ד״ה אויף לעבנסמיטל, אויף די שטוב-הוצאות, אויף דאָס ״אויסקומעניש״, ווי עס הייסט בײַ מענדעלע מוכר-ספֿרים), און לעבן ״וווינונג״ האָט דעם מאָנאָפּאָל ״דירה-געלט״ (אָן קאָנקורענץ פֿון אַ צונויפֿזאַץ מיט ״וווינונג״).

אגבֿ, איז ״השפּעה״ נישט בלויז ״ווירקונג״, נאָר אויך ״אײַנפֿלוס״, און ״משמורה״ האָט, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט געהערט צו די אויסדריקן וואָס זאָלן פֿיל גענוצט ווערן.

בכּלל איז זייער פּרימיטיוו אויפֿצופֿאַסן די זאַך אַזוי, אַז ווען אַ שפּראַך פֿאַרמאָגט צוויי אָדער מער ווערטער פֿאַר איין און דעם זעלביקן באַגריף, הייסט עס, אַז זיי ״קאָנקורירן״ צווישן זיך.

אַ וואַרשעווער ייִד, לאָמיר זאָגן, קויפֿט זיך אַ ״מלבוש״, אָבער שלאָפֿט ״אין אָנטון״. קען מען האַלטן, אַז דאָס צווייטע הויפּטוואָרט בײַסט אַרויס אינעם דיִאַלעקט דאָס ערשטע? אסור! ס׳טרעפֿט זיך, מע דריקט זיך אויס אויך: ״ער שלאָפֿט אין די מלבושים״. -- ווײַזט אויס, דעמאָלט, ווען דער ריטעם פֿון די רייד פֿאַרטראָגט נאָר צוויי

איבעריקע טראַפֿן (״אין אָנטון״ האָט דריַי, ״און די מלבושים״ פֿינף טראַפֿן).

*

דאָ קומען מיר אַם נאָענטוסטן צום פּראָבלעם פֿון סינאָנימען און זייער ראָלע אין דער שפּראַך.

1) גוטע פּראָזע האָט ריטעם ווי פּאָעזיע. ער באַלייט דאָס שרײַבן אַלס אָרגאַ- נישער אינגרעדיענט (עלעהיי מעלאָדיע די קאָמפּאָזיציע אין דער מוזיק, אַרײַנגעטראָגן פֿון זיך אַליין, אונטערבאַוווּסטזיניק, בשעת און דורך דעם פּראָצעס פֿון שאַפֿן.

די פּען האָט אויסגעגאָסן אופֿן פּאַפּיר אונדזער געדאַנק -- מיר לייענען דערנאָך איבער די פֿראַזע, דעם פּאַסוס, דעם פּעריאָד, דעם פֿראַגמענט, און ס׳אַרט אונדז עפּעס: מיר ווייסן אַליין נישט, וואָס. מע מוז צוווײַלן איבערקוקן און איבערזאָגן אופֿן קול דאָס אָנגעשריבענע איין מאָל, און צוויי מאָל און אָבעראַמאָל, ביז מע כאַפּט זיך: הגם סינטאַקטיש און לאָגיש איז אַלץ על-צד-היותר-טובֿ, פֿון דעסט וועגן איז נייטיק דאָ אויסצומעקן אַ וואָרט, דאָרט עס איבערצושטעלן און נאָך ערגעץ צו בײַטן אויף אַן אַנדערס. אַזוי איז דאָס געבאָט פֿונעם באַהאַלטענעם ריטעם!

היות און וואָרן זענען גלײַכטײַטשיק. מאָנט בײַ מיר דער ריטעם פֿון סטיל אַ צווייטראַפֿיק וואָרט מיטן קוועטש אופֿן ענדטראַף, וועל איך פֿאַרווענדן דעם ייִדישן העברעיִש-שטאַמיקן וואָקאַבל; בעט זיך אַ צווייטראַפֿיקע קאָניונקציע מיטן קוועטש אופֿן ערשטן טראַף, וועל איך פֿאַרנוצן דאָס ייִדישע אַשקנזיש-שטאַמיקע וואָרט.

וועט אין אַ קאַוזאַטיוון בײַזאַץ דעם ריטעם נייטיק זײַן אַן איינטראַפֿיק בינדוואָרט, וועט אַרויסשווימען: ווײַל -- אָנשטאַט וואָרן און היות אָדער מחמת.

2) כּיקען איינעם אַ רעדאַקטאָר -- מעקט ער סיסטעמאַטיש יעדן ״דאָרטן״ אין די מאַנוסקריפּטן, וואָס האָבן דאָס אומגליק צו קומען אויף זײַנע הענט: ער האַלט רק פֿון ״דאָרט״, -- און וועסט אים נישט

איבערצייַגן, אַז ס'איז דאָך נישט קיין צופֿאַל, וואָס די שפּראַך האָט צו דער איינטראַפֿיקער פֿאָרם צובאַשאַפֿן אַ צווייטראַפֿיקע!

דער ריטעם פֿון דער שפּראַך פֿאַרטראָגט מיינסטנס נישט דעם נאָכאַנאַנט פֿון צוויי אַלץ איינס געקוועטשטע טראַפֿן.

-- דאָרט איז פֿאַראַן אַ שיין וועלדל... -- אַזאַ זאַץ לייגט זיך לייַכט אויף דער צונג, היות נאָכן געקוועטשטן "דאָרט" גייט אַן אומגעקוועטשטער "איז."

אָבער אומבאַקוועם איז אַרויסצורעדן: "דאָרט זאָגט מען"..., מחמת ביידע שפּאַצירטע ווערטער טראָגן אויף זיך אַן עיקר-קוועטש. אין דעם לעצטן פֿאַל רייַסט זיך פֿון זיך אַליין: "דאָרטן זאָגט מען"... (דער אומגעקוועטשטער טראַף -ען צווישן די צוויי עיקר-קוועטשיקע "דאָרט" און "זאָגט" פֿאַרגרינגערט די אויסשפּראַך).

3) דאָס רעדן איז מייסטנס אַ שטראָם פֿון ווערטער (איינצלווייַזן ווערן זיי זעלטן געברויכט -- נאָר אין דיִאַלאָג).

דער שטראָם דער דאָזיקער גלידערט זיך אויף זאַצן, וואָס יעדער פֿון זיי האָט זיך זייַן אייגענעם אַקצענט (דעם זאַצאַקסטענט). דער לעצטער באַווירקט שטאַרק דאָס פֿאָנעטישע בילד פֿון די איינצלנע ווערטער. וואָס ווינציקער אַ וואָרט איז באַטאָנט אין זאַץ, אַלץ וויניקער פֿעיִקייט פֿאַרמאָגט עס אייַנצוהאַלטנדעם פֿולן קלאַנגן-באַשטאַנד זייַנעם. גענוי מיט די דאָזיקע דערשייַנונגען גיט זיך אָפּ די זאַץ-פֿאָנעטיק.

אין גוטן שריפֿטשטעלערישן סטיל איז אָבער פֿאַראַן די אינסטיקטיווע שטרעבונג ווי ווייַט מעגלעך צו זיכערן דעם איינצלנעם וואָרט אין זאַץ אומבאַרירלעכקייט פֿונעם פֿאָנעטישן פֿאַרמעג. אַם לייַכסטן קומט דאָס טיילווייַז אָן בייַם אויסמייַדן דעם סאַנדהי, ד"ה דאָס טרעפֿן זיך, צב"ש, פֿון צוויי אַלץ איינע קלאַנגען, וואָס איינער פֿון זיי שליסט אַ וואָרט, און דער צווייטער הייבט אָן דאָס נאָכגייענדיקע.

אַ שרייַבער מיט אַן אויער פֿאַר וויקלאַנג אין סטיל, וועט נישט זאָגן: "ס'איז אפֿשר ראָזנבערגס מאַנטל" (ווייַל אַרויסרעדן וועט מען

דערבײַ ״אפֿשר״ אָן דער ר׳), נאָר ״ס׳איז פֿילײַכט ראָזנבערגס מאַנטל.״

פּונק אַזוי וועט ער זיך היטן פֿאַר אַזאַ וואָרט-סדר, ווי ״מחמת סענדער וויל נישט,״ און וועט שרײַבן: ״ווײַל [אָדער וואָרן] סענדער וויל נישט.״ אויס די זעלביקע מאָטיוון שײַעט מען זיך פֿאַר אַזאַ אויסדרוק, ווי ״דאָרט טוט מען דאָס״... שוין אָפּגערעט דערפֿון, אַז ״דאָרט״ און ״טוט״ זענען גלײַך באַטאָנט, פֿון וואָס די אויסשפּראַך ווערט באַשווערט, ווערט נאָך דאָס אַרויסרעדן קאָמפּליצירט דורכן צונויפֿטרעף פֿון די צוויי ט. דעריבער: ״דאָרטן טוט מען דאָס״...

4) אַזוי אַרום זענען אַ ברכה פֿאַר דער שפּראַך העון דאָס פֿאַרשידנפֿאָרמיקייט פֿון איינצלנע וואָקאַבלען (״איצט -- איצטער, איצטערט״; ״אַצונד -- אַצונדער, אַצונדערט״; ״זיסט -- אַזיסט, זיסטן, אַזיסטן״; ״אַנומלט -- אַנומלטן״ ו.אַ.וו.) העון די סינאָנימען (״ווײַל -- וואָרן״; ״אַזוי אַרום -- אַזויערנאָך״ און כּדומה): זיי באַפֿרידיקן ביז גאָר ווײַזנטלעכע באַדערפֿענישן פֿונעם סטיל.

וואָס שייך די סינאָנימען, ווערט זייער צאָל ממשדיק פֿאַרגרעסערט דורך די העברעיִשעלעמענטן (״היות״ און ״מחמת״ לעבן ״ווײַל״ און ״וואָרן״; ״תּמיד״ לעבן ״שטענדיק״, ״באַשטענדיק״ און ״שטעטוס״ און דעסגלײַכן.

דעריבער איז קינדיש צו מיינען, אַז אויב מע האָט שוין ״וואָרהייט״, ״ליגן״ ״געטראַנק״ ו.אַ.וו., מעג מען אָן קווענקלעניש אויסמעקן פֿונעם ווערטערבוך ״אמת״, ״שקר״, ״משקה״ ו.אַ.וו.

5) איין פּרט האָב איך דאָ נאָך נישט באַרירט, אָבער ער איז אַזוי זעלבפֿאַרשטענדלעך, אַז ס׳איז איבעריק מאריך צו זײַן.

ס׳קומט אַמאָל אויס איין און דעם זעלביקן באַגריף איבערצוחזרן עטלעכע מאָל אויפֿן שטח פֿון אַ נישט-לאַנגן טעקסט. אַ גוטער סטיליסט ווייסט, ווי פּײַנלעך עס איז, ווען מען קען ניט אויסמײַדן דעם איינטאָניקייט איבער מאַנגל אין סינאָנימען!

האָט אַ זין צו פֿאַראָרעמען די שפּראַך דורך מפֿקיר זײַן אַזאַ קוואַל פֿון סינאָנימעק ווי העברעיִזמען אין ייִדיש?

צולאָג**

אין לי. אין קראָקעווער פּנקס פֿון יאָר 1595 איז פֿאַראַן אַ תּקנה :

-- טענות "אין לי" [וועגן אַן אָנזעצער, וואָס וויל נישט צאָלן די חובֿות, טענהנדיק, ר'איז פֿאַראָרעמט געוואָרן און האָט נישט מיט וואָס צו צאָלן].

לייענען מיר דאָרטן :

- מען זאָל דען זעלביגן [וואָס טענהט "אין לי"] מחרים זײַן אין אַלין שולן. בלײַבט ער ג' ימים אין חרם, דאָ זאָל מען אים תּפֿיסהן בדודיך [אַ תּפֿיסה אַזעלכע אין קראָקע] שמונה ימים לפּחות, און דר-נאָך עד שלשים זולן דיינים נושׂא ונתן זײַן עם ראָשים ותּיבֿים, דיא קײַן שײַכות האָבן לשני הצדדים כּהרחקת ראָשעם ען"ל. דער-נאָך זאָל מען חרם געבן ווער דאָ העט וואָשׂ [= עפּעס], דאָשׂ [= וואָס] זײַן ווער, אָודר ווישׂט ווו דאָז זײַני ווער...

אין מיטל-ייִדיש איז "אין לי" (אַרויסגערעדט אײַן לי) אַ זייער פּאָפּולערער אַדווערביאַלער אויסדרוק מיט אייגנטימלעכע טײַטשן.

1) אפּנים איבערן האָמאָנימישקייט (גלײַכקלאַנגיקייט) מיטן צאָלוואָרט איין האָט מען דעם העברעיִשן "איין" אָנגעהויבן אויפֿצופּאַסן, ווי איינס. אַזוי :

-- ער זאָגט "אין-לי" [= ער זאָגט איינס, ער האַלט זיך בײַ איינס, ער זאָגט קאַטעגאָריש איינס, ער זאָגט אײַנגעעקשנט איינס], איך האָב בײַ אים געקויפֿט (וואַרשע). // יעצט שרײַען זיי אין לי, ס'פּעלט זיי וועש (וואַרשע). // אין לי [= איינס זאָג איך און וועל נישט אויפֿהערן צו זאָגן], כ'קען אים נישט! (וואַרשע). // דאַרף זיך האַלטן נאָר אין לי : ר'איז פֿון פֿיפֿטן יאָר! [= דאַרף זיך קאַטעגאָריש האַלטן בײַ איינעם, און דהינו, אַז ער איז געבוירן אין יאָר 1905 (יאַרעווע)].

אַנאַלאָגיש אין שעפּס.

2) פֿון געברויך אין נעגאַטיווע זאַצן האָט זיך אַנטוויקלט די טײַטש : ניין און ניין און טויזנט מאָל ניין, ד"ה "אין-לי" איז געוואָרן די קאַטעגאָרישסטע נעגאַציע. אַזוי : -- זיי וואָלטן געשריגן אין לי [=

ניין און ניין, זיי ווילן פֿון גאָרנישט וויסן] (וואַרשע)] // ווער זי זאָגן אין לי, זי וויל נישט מיט אים ווינען (ליקעווע). // זי האָט געשריגן אין לי, זי האָט נישט געקויפֿט (מאַקעווע).

אויך אין לעמבערג: "אין לי, כ'ווייס נישט!"

3) אויף דער גרענעץ פֿון די צוויי אָקערשט געבראַכטע טײַטשן ליגט דאָס טישעוויצער: -- אין לי, כ'לאָז נישט דאַווענען! ד"ה: "אײַך האַלט מיר בײַ איינעם, כ'לאָז נישט דאַווענען"; "ניין, און ניין און נאָכאַמאָל ניין, כ'לאָז נישט דאַווענען".

בחינם בלא דבֿר = אומזיסט, אומפֿאַרשולדיקט. למשל: "ראַטעווען פֿון אַן אומגליק בחינם-בלא-דבֿר" (דאָס אומגליק איז אומפֿאַרדינט).

ביז עד הנה = ביז איצט. וואַרשע: "ס'איז נישטאָ ביז עד הנה". אַ פּלעאָניסטישער אויסדרוק ("עד" איז דאָך סינאָנימיש מיט "ביז"), ווי האַנט-תּקיעס-כּף, למשל.

בעירום-ובֿחוסר-כּל = נאַקעט און בלויז. אין די מונדאַרטן פֿאָלקסעטימאָלאָגיש געאַנדערשט: ברה פּחוסה קויל (אין וואַרשע); ברה פּכויסער (וואַרשע); בעוירע בחוסך (אין וואַרשע); בורא ווייכויסער (אין וואַרשע). למשל: "ד'בין געבליבן בורא פּכויסער", "זיבן קינדער גייען ברה ווייכויסער."

באָרע לי, אַדווערב, האָט די טײַטש:

1) קלאָר, אויף קלאָר, זיכער, באַשטימט. וואַרשע: "ער ווייס באָרע לי, אַז כ'האָב נישט." -- אַנאַלאָגיש אין מחבֿ-קעלצער.

2) אפֿילו. וואַרשע: "אַז ער איז געווען אין דער היים ברה לי, איז אויך נישט געווען וואָס צו עסן" [צעסן].

אגבֿ, באָרע קומט פֿאָר אַלס הויפּטוואָרט מיט דער טײַטש: "עפּעס באַשטימטס. קלאָרע זאַכן. באַשטימטע זאַכן". סטאָצק (ליקעווער ק'): "קיין ברה ווייס איך נישט".

[יאַאַדעס]/יאַנדעס -- גנבֿישער: יסjאַנדעס׳, באַטײַט אויך ״יושר, רחמנות״ (אַנאַלאָגיש אין וואַרשע).

מאַחורי-הפּרגוד -- אין די מונדאַרטן פֿאָלקסעטימאָלאָגיש געענדערט. אין גרויסביאַלע דאָס ערשטע וואָרט אַרויסגערעדט מעאַחוירע, מעאַחאָרע אָדער מעאַחירע, דאָס צווייטע: אופּאַרגע.

אין מאָגלניצע מיט דער אייגענער טײַטש ״מתּוך הפּרגוד״.

[פֿון _ייִדיש פֿאַר אַלע_ 3 (מאַי 1938), זז״ 65-75]